NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12892

DER 1-TER MAY

Sholem Asch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

שלום אַש.

דער 1-טער מאַי

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול“
1930

באוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

שלום אַש

דער 1-טער מאַי

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"
1930

Printed in Poland.

Wypisy żydowskie w zeszytach.

złożone przez S. Bastomskiego.

Szolom Asz.

1-go maja.

עס איז געקומען דער פרילינג, און ווי יעדן יאָר, צוזאַמען מיטן גרינעם גראָז, מיטן בליען פון די ביימער און מיט די דערלײַכטערטע, אויפלייזנדיקע גרינגע ווינטן, האָט זיך אָנגעהויבן דער סעזאָן פון רעוויזיעס און אַרעסטן.

וואַרשע איז געווען אין אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד. קיינער האָט ניט געוווּסט, צי ער איז זיכער מיט זײַן פרײַהײַט. אַלע האָבן זיך גערעכנט אויף עפּעס. מע האָט פּלוצלונג, אין מיטן העלן טאָג, געמאַכט אַן „אָבלאַווע" אויף אַ שטיק גאַס. פּאַטרולן האָבן זיך געדרייט אין די גאַסן, אָפּגעשטעלט די דורכגייענדיקע און געפרעגט אויף פּעסער, צוגענומען די מענטשן און געפירט אין צירקל אַרײַן, אָדער איבערגעפאַלן אין אַ שיינעם העלן טאָג אַ קאַפע־הויז און אַוועקגעפירט די מענטשן אין ראָטהויז.

מע האָט זייער אָפט געזען, ווי פּאַטרולן פירן דורך די גאַסן אַרעסטירטע גרופּן ציוויל־געקליידעטע מענטשן, מענער און פרויען, יידן און קריסטן.

בײַנאַכט איז גאָר געווען אַ שרעק אַרויסצוגיין אין גאַס. אויף די עקן זײַנען געשטאַנען „רעווירבאָוועס" און ציוויל־געקליידעטע שפּיצלען, און מע האָט יעדן פאַרבײַגייער אָפּגעשטעלט און אַוועקגעפירט. עס איז געווען אַן אימה צו שלאָפן אין די אייגענע היימען. יעדע פאַרדעכטיקע שטוב האָט מען בײַנאַכט אויפגעוועקט דורך אַ שטאַרקן קלימפּערן אין טיר־גלאָק מיט דעם באַקאַנטן שפּרוך: „אַ טעלעגראַם!"

מ'האָט שוין געוווּסט, וואָס דאָס מיינט.

דורך די שטילע, אויסגעשטאָרבענע גאַסן האָט זיך געהערט אַן איינזאַם רעשן פון דראָזשקע־רעדער אויפן שטיינערנעם ברוק. דאָס האָט מען געפירט, צווישן אויפגעשטעלטע זעלנערשע ביקסן, אַרעסטירטע אײַנוווינער, צוגענומענע פון די בעטן.

בײַ די האָראָוויצעס האָט מען זיך גערעכנט יעדע נאַכט, ווי אין יעדן פאַרדעכטיקן הויז, אויף אַ רעוויזיע. רחל־לאה, וועלכע איז שוין געווען אַ געפּרוּווטע, האָט געמאַכט אַ „בדיקת חמץ" און אויסגעדרייט די קעשענעס פון איר ייִנגל, דעם גימנאַזיסט, יעדן אָוונט, איידער זי האָט זיך שלאָפן געלייגט. ניט איינמאָל האָט זיך די מאַמע אויף עפּעס וואָס גערעכט. נאָר אַזוי ווי מע וואָלט רחל־לאהן פאַרגעסן, בײַ אַלע באַקאַנטע האָט מען שוין געמאַכט נאַכט־וויזיטן. רחל־לאהן האָט מען אויסגעמיטן, אַזוי ווי מע וואָלט זי געוואָלט פאַרשעמען.

– עפּעס האָבן זיי הײַ־יאָר אָן אונדז פאַרגעסן – זאָגט דער לערער אַמאָל צו זײַן משפחה בײַם טיש – בײַ באַקאַנטע זײַנען זיי שוין געווען.

– עס בעפעלט מיר ניט זייער שטילקײַט – האָט דאָס ווייב אין נאָכדענקען געענטפערט.

דערווײַל האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער מאַי, און די גאַנצע פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. פון דער אַרומיקער געגנט האָט מען אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן מיליטער אַרום דער שטאָט, און עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער שרעקלעכער וואָלינער פּאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מערדערלעכער אַכזריות קעגן דער באַפעלקערונג, האָט באַקומען דאָפּלטע אַמוניציע, מיטן

באַפעל צו שיסן אין דער באַפעלקערונג בײַם קלענסטן װידערשטאַנד. דאָך האָט עס ניט אָפגעשראָקן די מאַניפעסטאַנטן. פאַרקערט, עס איז געװען אַ פאַרמעסטן זיך מיט די כּוחות, אַ שטילער געװעט, װער װעט װעמען מנצח זײַן.

צום ערשטן מאַי איז פון פרימאָרגן אָן אַלץ געװען אויף דער גאַס. בײדע צדדים האָבן זיך געיאָװעט. די ברײטע ברוקן האָבן פאַרנומען פאַטרולן, „רעװיראָ-װעס" מיט פאָליציסטן, אײנצלנע גרופּעס קאָזאַקן אויף פערד, באַװאָפנט מיט שאַרפן געװער אין די הענט און מיט שיס-געװער אין זײערע באַהאַנגענע טאָרבעס, פון װעלכע עס האָבן זיך געצויגן די רויטע שנורן פון זײערע רעװאָלװערן.

די טראָטואַרן װידער האָט פאַרנומען אַ יום-טובדיק באַקלײדעטע, אַ יום-טובדיק שטראַלנדיקע באַפעלקערונג, אַ געמיש פון פאַרשײדענע שיכטן און קלאַסן. אַן ערנסטע, טונקל-באַקלײדטע אַרבעטער-מאַסע, צוזאַמען מיט אַן אויסמישעכץ פון אינטעליגענטן, גוט געקלײדעטע הערן און רײַך אָנגעטאָנענע דאַמען. אין אַ טײל קלאַפּעס האָבן זיך געפינקלט קלײנע רויטע בענדלעך. בײַ די גוט-באַקלײדעטע אינטעליגענטן מיט די װײכע היט האָט מען פון די קלאַפּעס געזען אַרויסגליען רויטע נעלקען. דאָ און דאָרט האָט אַן עלעגאַנטע יונגע דאַמע גאָר קאָקעטירט מיט אַ בונט רויטע מאָן-בלימלעך, װעלכע זי האָט אַרײַנגעשטעקט אין איר הוט, װאָס האָט אַרויספאָדערנדיק אַרויסגעגליט פון די גרוי באַקלײדטע, ערנסטע און שװער-באַװעגלעכע, געדיכטע אַרבעטער-שיכטן.

צוערשט איז דער גראַנגל אָנגעגאַנגען אין דער שטיל, אָן װערטער און מעשׂים. די פאָליצײ האָט זיך געטאָן דאָס איריקע, און די מאַסן — דאָס זײַעריקע. די גאַסן זײַנען געװען יום-טובדיק אויסגעראַמט פון טראַמװײַען און דראָזשקעס, װי מע װאָלט איבערגעלאָזט אַ פרײַען פּלאַץ פאַרן קאַמף, װאָס דאַרף זיך אין זײ אָפּשפּילן. די געװעלבער פון די הויפּט-גאַסן זײַנען געװען פאַרמאַכט. דאָ און דאָרט האָט אַ פּאָליציסט געקלאַפּט אין די פאַרמאַכטע טירן פון די געװעלבן מיט דער שײד פון זײַן שװער, אַז מע זאָל זײ עפענען.

די זײַטן-גאַסן, װאָס פירן צו דער מאַרשאַלקאָװסקער גאַס, װעלכע איז געװען די טראַדיציאָנעלע גאַס פון ערשטע-מאַי-מאַניפעסטאַציעס, זײַנען געװען אָפּגעשלאָסן דורך די פּאָליציסטן און זעלנערשע פּאַטרולן. אַזױ אויך דער זאַקסישער גאָרטן, כּדי ניט צוצולאָזן די מאַסן פון די אַנדערע טײלן שטאָט צו קאָנצענטרירן זיך אויף דעם מאַניפעסטאַציע-פּלאַץ.

אָבער די מאַסן האָבן געטאָן דאָס זײַעריקע. װי צודרינגלעכע װאַסער-שטראָמען, װאָס רײַסן זיך אַרויס פון אַן איבערגעפילטער קאַרעטע, האָבן זיך די מאַסן אויסגעבויערט װעגן מיט זײערע שטראָמען צו דער מאַרשאַלקאָװסקער גאַס דורך הויפן, דורך פּלויטן און דורך זײַטיקע גאַסן, װאָס די פּאָליצײ האָט פאַרגעסן צו פאַרשפּאַרן. אַזױ אַז שוין אין די ערשטע שעהן פון טאָג זײַנען די טראָטואַרן פון דער מאַרשאַלקאָװסקער גאַס געװען איבערגעשװעמט פון גרוי-געקלײדטע, ערנסט-אויסזעענדיקע אַרבעטער-מאַסן, באַשפּרינקלט מיט אינטעליגענטע פּנימער פון שטאָ-טישע סוביעקטן און אָנגעשטעלטע, מיט מחנות בלײכע, װײַס-געקלײדטע, מיט רויטע בענדער באַפּוצטע אַרבעטער-מײדלעך, װי אויך מיט עלעגאַנט-אויסזעענדיקע דאַמען.

די מאַרשאַלקאָװסקע גאַס אַלײן איז געװען אָפּגעשלאָסן פון אַלע זײַטן. בײַ קרולעװסקע, פאַרן זאַקסישן גאָרטן, איז געשטאַנען אַ שװער-באַװאָפנטער, מיט קאָזאַקן-רײַטער פאַרשטאַרקטער פּאַטרול. אַזױ אויך בײַם צװײטן עק, בײַם װינער

באַנהויף. אַלע זײַטן־גאַסן, וואָס פירן אַרײַן און אַרויס פון דער מאַרשאַלקאָווסקער, זײַנען געווען פאַרמאַכט מיט פּאַטרולן. אַזוי אויך די רייען פון די הײַזער. די אויפזעערס האָבן באַקומען אַ שטרענגן באַפעל צו האַלטן די הויפן און די קאָרידאָרן פאַרשלאָסן. אין פילע הויפן זײַנען געווען פאַרשטעקט פאַרשטאַרקטע פּאַטרולן פון קאָזאַקן אויף פערד, מיט נאַגאַיקעס אָדער קאָלטן געווער אין די הענט.

די געוועלבער זײַנען געשטאַנען פאַרמאַכט. די שטומע, מיט ברעטער פאַרהאַקטע שויפענצטער, אָפּגעשלאָסענע טירן און טויערן האָבן געבילדעט די אײַזערנע ווענט פון דעם לאַנגן טורמע־קאָרידאָר, אין וועלכן די ברייטע גאַס האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט. זי האָט געהאַלטן געפאַנגען צווישן אירע ווענט די יום־טובדיקע מאַסע, וואָס האָט שוין ניט געהאַט קיין אַנטרינונג, און אויף די פּנימער פון די מענטשן האָט אָפּגעשײַנט די אומרויִקייט, די דערוואַכונג און אויך די קאַמפלוסט, וואָס יעדער איינער האָט געפילט אין זיך.

פאַרשטענדלעך, האָט זיך פון פרימאָרגן אָן געפונען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקער רחל־לאה מיט די איריקע. דער ערשטער מאַי איז שוין געווען אַ טראַדיציאָנעלער פאַמיליען־יום־טוב בײַ רחל־לאהן אין שטוב. דער מאַן, האַראָוויץ, האָט עס, פאַרשטייט זיך, ניט מיטגעמאַכט. פאַרקערט, ווי יעדן יאָר האָט ער געבורטשעט און תּרעומות געהאַט. נאָר צו שטערן צו גיין אין דער ערשטער־מאַי־מאַניפעסטאַציע איז שוין געווען ניט פאַר זײַנע כּוחות. ער האָט איר שוין געלזאָט טאָן, וואָס זי האָט געוואָלט, ווײַל ער האָט געוווסט, אַז ער וועט סײַ ווי סײַ זיך גאָרנישט קענען העלפן אַנטקעגן זײַן ווײַב.

דעם אָוונט פריער האָט זי זיך אַליין געוואַשן און געריבן אין דער שיסל מיט מודלאַנעס, געצוואָגן זיך דעם קאָפּ, געצוואָגן די קעפּ פון אירע טעכטער, ווי אויף אַ גרויסן יום־טוב. הײַנט פלאַטערן רויטע בענדער אין די צעפּ פון העלענקעס און זאָשקעס פאַרקעמטע האָר. רחל־לאה איז שוין צו אַלט פאַר רויטע סטענגעס. אָבער זי איז אויסגעקליידט יום־טובדיק. אין דעם בעסטן, וואָס זי האָט: אין דעם שוואַרצן זשאַקעטל, און אויפן קאָפּ—דאָס קליינע היטעלע מיט דער גרויער פעדער, וואָס די עלטסטע טאָכטער, העלענקע, וועלכע איז אַ בריה אויף די זאַכן, נייט איר איבער און ריכט עס איר אויס מיט אַ נײַעם שוואַרצן באַנד אויף יעדן ערשטן מאַי.

דערפאַר אָבער האָט זי זיך אַרײַנגעשטעקט אין איר בוזעם די רויטע נעלקע, וועלכע מירקין האָט איר געבראַכט לכּבֿוד דעם יום־טוב. דער גימנאַזיסט, וועלכן זי האָט מיט אַ נאַכט פריער אויסגעפּריכט די הויזן און אָפּגעשמירט די שיך, כּדי צו פאַרשטעלן די לעכער, איז אָנגעגעטאָן אין אַ ווייכן הוט, אָנשטאָט אין זײַן גימנאַזיסטישן קאַשקעטל, כּדי מע זאָל אים ניט דערקענען.

אירע לײַט, דער „זשאָכלינער", איטשעלע, מוזן זיך דאָ אויך געפינען, נאָר זיי זײַנען ערגעצוווּ פאַרשטעקט אין זייערע גרופּעס. אַזוי איז אויך מיט איר זון, דעם גימנאַזיסט. ער איז ערגעצוווּ פאַרפאַלן געוואָרן. זי גייט דאָ מיט אירע צוויי טעכטער און מירקין שלעפּט זיך נאָך פון הינטן, אַ באַרוישטער און אַ נײַגעריקער, וואָס עס וועט דאָ זײַן.

דערווײַל הערשט אַ טויטע שטילקײַט אין גאַס. די מאַסן באַוועגן זיך אַהין און צוריק אויף די טראָטואַרן, ווי זיי וואָלטן שפּאַצירט, און וואַגן ניט אַראָצוגיין אויפן בּרוק צו פאַרנעמען די פרײַע גאַס, אויף וועלכער עס געפינען זיך די פּאָליציסטן און די פּאַטרולן. אַזוי אויך די פּאָליציי. שיטער צעוואָרפן איבער דער שבת־

רוצנדיקער, שטילער, נישט־אנצונדיקער גאַס, באַפאַלט זיי עפּעס אַן אינערלעכע שרעק פאַר דער פוסטקייט פון דער גאַס, און די שרעק קוקט אַרויס פון זייערע אויגן און פנימער. „רעוויראָוועס" מיט די בלוט־אָנגעגאָסענע קאַרקן און העלדזער שטייען באַוואָרניקט מיט צעפלאַמטע פנימער, און עס דאַכט זיך, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט אַזאַ שווער שטיק פלייש אין רעוויראָוון מונדיר אומפאַלן אין אַפּאָפּלעקסיע פאַר אויפרעגונג.

די געוויינטלעכע פּאָליציסטן שטייען מיט אימהדיקע, צוגעדריקטע, באַזאָרגטע פנימער, מיט אַ מינע פון תמוואַטע אָקסן, וואָס מע שלעפּט אין שעכטהויז אַריין. זיי קלערן זיך: ווי קומט מען שוין דאָס ווי צום שנעלסטן איבער! די זעלנערישע פּאַטרולן גייען פאַרלאָנגווייליקטע, מיט הילצערנע, האַרטע טריט איבער די שטיינער. מיט זעלנערשער גלייכגילטיקייט קוקן זיי זיך צו צו די באַוועגלעכע מאַסן און שמייכלען מיט זייערע ווייסע ציין פאַרשעמטע.

אַזוי וואַגט זיך ניט איין צד דעם אַנדערן אָנצוגרייפן און אַריינצוטרעטן אין זיין איינגענומענער טעריטאָריע.

—

באַלד אָבער בילדן זיך געדיכטע שיכטן פון מאַסן אויף איין שטיק טראָטואַר. עס ווערט שוואַרצער און אָנזעענדיקער אויף דעם אָרט. פון די טיפענישן פון פאַרטרונקענע לייבער און קעפּ וויקלט ווער פון זיין ברוסט אַ רויט שטיקל טוך אַרויס. און מיט אַן ערנסטן געזאַנג, ווי צו אַ לוויה, מיט קולות פון שרעקנדיקע, אויפגערעגטע קעלער און הערצער – הייבט זיך אָן די געדיכטע מאַסע אַראָפּ־צוקוילערן אויפן פרייען שטיק ברוק. הענט פלעכטן זיך אין הענט, אָרעמס אין אָרעמס. לייבער קנעטן זיך צו לייבער, ווי מע וואָלט געוואָלט געפינען שוץ איינער ביים אַנדערן.

און מע זינגט:

...„און די קאָליר אירע איז רויט – וואָרום אויף איר איז אַרבעטער־בלוט".

פון די טראָטואַרן אַראָפּ גיסט זיך שוין איצט די מענגע און צעבערוויי גיסט זי זיך אַריין אין דער געדיכטער מאַסע, פון וואַנען עס הערט זיך דאָס געזאַנג, כּדי אָנצושליסן זיך אין די רייען. עמיצער וויקלט אויף אין וועג ביים לויפן אַ צווייטע רויטע פאָן און מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן געזאַנג, וואָס איז מער ענלעך צו שרייען, – לאָזט מען זיך וואָס שנעלער, איבער די קעפּ פון דער פּאָליציי און פּאַטרולן, צו די מאַניפעסטאַנטן.

אָבער די פּאָליציי און די פּאַטרולן האָבן זיך פלינקער צעגעאיילט. פון אַ הויף שפּרינגען זיי אַרויס, איינער נאָכן אַנדערן. קאָזאַקן וואַרפן זיך אַריין מיט די אין אימפּעט געיאָגטע פערד אין די מאַסן. שרעקנדיקע הייבן אָן צוריקצולויפן אויף די טראָטואַרן. אין דער געדיכטער רייע ווערט אַ מהומה. עס פאַלן אָפּ די אייבערשטע שיכטן, אַזוי ווי מע וואָלט זיי צעפּגעשיילט פון אַ קאַרטאָפל. פילע אַנטלויפן פון ברוק צוריק אויפן טראָטואַר.

ביי די מאַניפעסטאַנטן איז געבליבן אַ קליינע קופּקע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוליב דער געפאַר נאָך ענגער צוגעדריקט און צוגעקנאָטן איינער צום אַנדערן. און וואָס נעענטער עס קומען אָן די מיט שוים שפּריצנדיקע קאָזאַקן מיט די פאָכנדיקע נאַגאַיקעס אין די הענט, אַלץ האַרצרייסנדיקער, אַלץ שרייענדיקער ווערט דאָס געזאַנג:

„און די קאָליר אירע איז רויט"...

שוין קלאַפּן די נאַגאַיקעס איבער די קעפּ ווי אַ פײַערדיקער רעגן. די צעווילדעוועטע פערד וואַרפן זיך אַרײַן אין דער מענגע ווי אין אַ שטורעמדיקן טײַך. דאָ און דאָרט זעט מען אַ נאַקעטע האַנט אויפשווינגען אינדערהויך איבער די קעפּ און פרווון פאַרהאַלטן אַ צעיאַכמערט פערד. דאָ און דאָרט זעט מען, ווי נאַגאַיקעס פליען איבער די קעפּ. אַ ווײַבערשער קאַפּעלוש פליט אַראָפּ פון אַ קאָפּ. אַ מענער-הוט וואַלגערט זיך איבערן ברוק. ער ווערט געטראָגן פון דעם ווינט. די רויטע פאָן פאַרשווינדט אין דעם ים פון לײַבער. און די מענגע צעפּאַלט זיך ווי באַזונדערע טראָפּנס. זיי שטויסן זיך צוריק אויפן טראָטואַר אַרויף, מישן זיך אויס ווי טראָפּנס וואַסער מיט די מאַסן, וואָס געפינען זיך אויף די טראָטואַרן.

אָבער באַלד חזרט זיך איבער דאָס שפּיל אויף אַן אַנדער שטיק גאַס.

אויף אַ צווייטן עק, וואָס איז אויף אַ ווײַל באַפרײַט געוואָרן פון פּאַטרולן און פּאָליציי, בילדן זיך רייען. און ווידער הייבט זיך אויף אין דער זון, איבער די קעפּ, אַ רויטער פלעק. אַרום אים גרופּירן זיך מענגען. עס שליסן זיך רייען, וואָס בילדן זיך פון די צעפּלויגענע, צוגעלאָפענע מאַסן פון אַלע טראָטואַרן. די רייען ווערן ברייטער, די מענגע-געדיכטער, פאַרנעמען וואָס אַמאָל מער אַ גרעסערן שטיק שטח פון גאַס.

מיטן בליק פון אויג וואַקסט די מאַסע ווי אַ צודרינגלעך וואַסער פון אַ לויזגעלאָזטן טײַך. אַלץ טרײַבט און לויפט צו איין פּונקט: דאָרט, ווו עס האָט זיך אויפסנײַ געבילדעט די מאַניפעסטאַציע. יעדער איינציקער ווערט אַ טראָפּן וואַסער. יעדער טראָפּן פאַרגרעסערט, פאַרברייטערט דעם שוואַרצן טײַך. עס איז שוין נישט מער איין רויטע פאָן, נאָר מערערע פענער שווימען שוין אַרויף איבער די קעפּ פון פאַרשיידענע גרופּקעס, מיט פאַרשיידענע אויפשריפטן. פאַרשיידענע געזאַנגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן מישן זיך צוזאַמען און ווערן איין שרײַענדיקער, מעכטיקער קול פון איין קעל אַרויס, פון איין מאַסע:

„און די קאָליר אירע איז רויט — וואָרים אויף איר איז אַרבעטער-בלוט" — הערט זיך שוין אַ מעכטיק, ערנסט קול, און הינטער אים קלינגט ווו אָפּ ווי פאַרשעמט, ווי צוריקגעהאַלטן:

„מיר שווערן, מיר שווערן — אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן"...

עס נעמט אַ שטיקל צײַט, ביז די פּאָליציי כאַפּט זיך, וואָס דאָ איז געשען. זי האָט אַ שטיקל וועג צו לויפן צו די נײַ-געבילדעטע רייען. דערווײַל וואַקסט די מאַניפעסטאַציע. זי צעגיסט זיך וואָס אַמאָל ברייטער. הענט שליסן זיך ווידער אין הענט, אָרעמס צו אָרעמס. קערפּערס קניפּן זיך אין קערפּערס, און עס ווערט איין שטאַרקע, סאָלידע וואַנט, מיט רויטע, שרײַענדיקע פענער איבער די קעפּ, מיט שרײַענדיקע געזאַנגען, וואָס צינדן זיך אָן וואָס אַמאָל מער מיט באַגײַסטערונג און פלאַם. און ווען די שווער-אָטעמדיקע „רעווירוועס" מיט די נאַקעטע שווערדן אין די הענט און די פּאָליציסטן מיט די ביקסן נאָך זיי קומען צולויפן, טרעפן זיי שוין אָן אויף אַ געדיכטער, צוזאַמענגעקנאָטענער, אויסגעהאַמערטער, אײַזערנער וואַנט פון ברוסטן, פּנימער, וואָס באַוועגן זיך מיט שטאַרקע פוס-טריט פאָרויס, פאָרויס.

די „רעווירוועס" מיט די סטראַזשניקעס ווערן אַ מינוט דערשראָקן און קוקן זיך אום אומבאַהאָלפן אויף די קאָזאַקן, וועלכע זײַנען אויף יענער זײַט גאַס נאָך

פֿאַרנומען מיטן צעטרייבן די מאַסן. זיי מאַכן אַ טריט צוריק. דאָס גיט דער מענגע מוט. זי גייט איבער צו אַן אָנגרייפֿנדיקן שריט. די געזאַנגען ווערן פֿרייער, שטאַרקער און פֿאַרלירן שוין דעם פֿאַרצווייפֿלטן שרעק-מאָטיוו און ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ טריומפֿירנדיקן, זיגרייכן געשריי. דאָ און דאָרט ציט זיך אויס אַ האַנט און גיט אַ שלעפּ אַריין אַ „רעוואָלווער” צי אַ פּאָליציסט אין די רייען אַריין און ער ווערט דאָרט באַלד דערטרונקען ווי אַ שטיינדל אין אַ ברונעם. די איבעריקע פּאָליציסטן לויפֿן צוריק מיטן גאַנצן כּוח און רופֿן מיט זייערע שרעקעדיקע געשרייען צו די קאָזאַקן.

נאָר די קאָזאַקן רירן זיך נישט, כאָטש מע קען זיי גוט זען פֿון דער ווייטנס. זיי שטייען מיט זייערע פֿערד ווי צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער. קיינער ווייסט ניט, וואָס עס איז געשען. עס גייען אַרום שטימען: „די קאָזאַקן האָבן זיך צעבונטעוועט. זיי ווילן ניט שיסן אין די מאַסן”.

אַן אומגעהערטע באַגייסטערונג פֿלאַמט אויף צווישן דער מענגע מאַניפֿעסטאַנטן. די שטימען ווערן העכער, טריומפֿירנדיקער. עס וואַקסט דער וואַלד פֿון רויטע פֿענער און דעקט די קעפּ צו. די אין פּאַניק פֿאַרכאַפּטע „רעוואָלווערס” און סטראַזשניקעס אַנטלויפֿן ווי די מייז אין די זייטן גאַסן.

די גאַנצע מאַרשאַלקאָווסקע ווערט פֿריי און ברייט פֿאַר דער טריומפֿירנדיקער, זינגענדיקער מאַסע. פֿון אַלע פֿנימער שטראַלט אַראָפּ באַגייסטערטע פֿרייד. אויגן ברענען, הענט שטרעקן זיך אין דער לופֿטן און די מאַסע טרעט פֿאָרויס. זי טרעט אַריבער גרענעצן, וואָס קיינער זעט ניט, נאָר זיי זייַנען דאָ. זי ברעכט אויף פֿאַרשלאָסענע טירן, וואָס האָבן פֿאַרצוימט וועלטן, וועלכע קיינער זעט ניט, נאָר זיי זייַנען דאָ; זי טרעט אין אַנדערע וועלטן אַריין און טראָגט מיט זיך באַפֿרייַונג און דערלייזונג, נישט נאָר פֿון אויסערלעכן צאָרן און טיראַנען, נאָר פֿון אינערלעכע צוימען, וואָס האָבן זיי באַענגט, ווי אַן אייַז-באַפֿרייַטער טייַך, וואָס טראָגט זיך פֿון זייַן געפֿאַנגענער קאַרעטע איבער פֿרייַע פֿרילינגדיקע פֿעלדער און פֿלאַכן.

Property of
HABONIM LIBRARY
275 7th Ave., N. Y. City
560-Y
-As-d



באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע

דער פֿאַרלאַג „נײַע ייִדישע פֿאָלקסשול"
האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע

אין באַזונדערע העפֿטן פֿאַר די מיטעלע און עלטערע
קלאַסן פֿון דער ייִדישער שול;

די כרעסטאָמאַט. איז צונויפֿגעשטעלט פֿון ש. באַסטאָמסקי

אין דער כרעסטאָמאַטיע קומען אַרײַן ווערק פֿון דער ייִדישער און אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

עס זײַנען שוין דערשינען פֿאָלגנדיקע העפֿטן:

1. שלום אַש — „די פֿאַרפֿלייצונג" (פֿון דעם לעבן פֿון די ייִדן אין מיטל-עלטער. אויסצוג פֿון דער „כישופֿמאַכערין פֿון קאַסטיליע")
2. אברהם רייזען — 1) ווען עסט די מאַמע? 2) די נײַע לאַטע.
3. ז. סעגאַלאָוויטש — די וואַנט (דראַמאַטישער עטיוד).
4. קאַלעוואַלאַ — (פֿינישער עפּאָס — 15-טע רונע). ייִדיש — הערש ראָזענפֿעלד.
5. ל. טאָלסטאָי — זאַמלהעפֿט (דרײַ פֿראַגן; שײַנקײט, גוטס און גליק, סצענעס)
6. מאַקסים גאָרקי — 1) סימפּלאָן; 2) די קינדער פֿון פּאַרמאַ
7. י. פּאַט — איבער נאַכט גראָ געוואָרן (וועגן בײַנוש מיכאַלעוויטש).

מ. ראָזנבאַום — ווי אַזוי גריגאָרי גערשוני איז אַנטלאָפֿן פֿון תּפֿיסה.

8. הענריק סענקעוויטש — יאַנקאָ דער שפּילער ייִדיש—ש. באַסטאָמסקי
9. יעלפּאַטיעווסקי — העקטאָר;

ווילדענברוך — אין דער פֿרעמד.

10. ד"ר. ש. עטינגער — סערקעלע (1-טער אַקט).
11. עמיל זאָלאַ — קוילנגרעבער. ייִדיש—ש. באַסטאָמסקי
12. שלום אַש — דער געפֿאַנגענער רב פֿון ראָטענבורג.
13. מ. גאָרקי — בריוו צו קינדער, ייִדיש—מ. חיימסאָן
14. שלום עליכם — ווי שיין איז דער בוים (וועגן ממ"ט)
15. מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ — דויד, ייִדיש — י. ל. פּרץ.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski, Wilno, Stefaska 24, m. 28.

לערנביכער אויף יידיש:

אין אַלע יידישע שולן זיינען אָנגענומען
פאָלגנדיקע לערנביכער אויף יידיש:

א) „לעבעדיקע קלאַנגען״

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

1) אילוסטרירטער אלף בית (נייע אויפלאגע)
2) כרעסטאָמאַטיע פאַרן 1־טן לערניאָר
3) כרעסטאָמאַטיע פאַרן 2־טן לערניאָר
4) כרעסטאָמאַטיע פאַרן 3־טן לערניאָר

נייע איבערגעארבעטע און פארגרעסערטע אויפלאגעס, צונויפגעשטעלט לויטן מוסטער פון די בעסטע אייראָפעישע כרעסטאָמאַטיעס. פונדאַסניי איבערגעזעצט מיט גרעסערע שריפטן.

ב) דאָס לעבעדיקע וואָרט

פון ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען

פאַרן 4־טן און 5־טן ל. י.

(נייע 8־טע אויפלאגע)

ג) דאָס נייע־וואָרט

ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

1־טער טייל — עפּאָס; 2־טער טייל — ליריק
3־טער טייל — דראַמע. דער דריטער טייל אנטהאלט גרעסערע אויסצוגן פון די בארימטע ווערק „געשמידטער פראָמעטעאוס״, „קיניג אוידיפוס״. „אנטיגאָנע״, „איפיגעניע אין טאַוריס״, „יוליוס צעזאר״, „האַמלעט״, „עתליה״, און דער קארגער״

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Wilno, Stefańska 24, m. 28.